# Soul Joy 1727

# שׂמחת הנפש תפ״ו

# Lyrics

## Elkhonen (Henele) Kirkhhan

### Arranged by Nathan Wolski, Husky Gawenda, Gideon Preiss

ניקס זאָרגען זאָל.

מיר זענען לוסטיג לײַט.

ווען מיר זעען לײַט די זאָרגען און טרויערן זענען מיר זיי משׂמח!

Don’t worry.

We are merry folk.

When we see sad and worried folks we make them happy!

(*Simkhes ha-Nefesh* part 1, introduction, 1b, from BT *Ta’anit* 22a)

**די הייליקע טעג**

**ראש השנה / יום כיפור**

געדענק עס גייט באַלד פֿאַרבײַ דאָס לעבן. אַלס איין פֿויגל דער טוט פֿאַריבערשוועבן.
און ווי איין בלאַט דאָס באַלד טוט פֿאַרדאַרן, און ווי איין שאַרבן דער באַלד טוט צעבראָכן ווערן.

און הײַנט ראָש־השנה טוט מען אַלץ אָנשרײַבן און חתימה ביום־כּיפּור ווי עס זאָל בלײַבן.
אויב דער מענטש דאָס יאָר זאָל לעבן אָדער שטאַרבן, אָדער צו זײַן רײַך אָדער פֿאַרדאָרבן.

געדענק עס גייט באַלד פֿאַרבײַ דאָס לעבן. אַלס איין פֿויגל דער טוט פֿאַריבערשוועבן.
און ווי איין בלאַט דאָס באַלד טוט פֿאַרדאַרן, און ווי איין שאַרבן דער באַלד טוט צעבראָכן ווערן.

אָדער זאָל שטאַרבן איין שענדלעכן ווונדערלעכן טויט, אָדער צו לײַדן יסורים און גרויסע נויט.
אָבער תּשובֿה תּפֿילה צדקה זײַנען מבֿטל אַלע עבֿירות און צו רײַסן גזירות.

געדענק עס גייט באַלד פֿאַרבײַ דאָס לעבן. אַלס איין פֿויגל דער טוט פֿאַריבערשוועבן.
און ווי איין בלאַט דאָס באַלד טוט פֿאַרדאַרן, און ווי איין שאַרבן דער באַלד טוט צעבראָכן ווערן.

דערויף יום כּיפּור טוען מיר וויינען און שרײַען. אונדזערע זינד טוען אונדז שטאַרק גערײַען.
מען גייט אין קיטל צו געדענקען אויף דעם טויט. אַז דער מענטש איין רגע איז ניט זיכער דערום תּשובֿה צו טאָן איז דיר הויכע נויט. אַז דו באַאַקומסט איין גוטע חתימה. תּשובֿה צו טאָן איז דיר הויכע נויט. אַז דו באַקומסט איין גוטע חתימה.

געדענק עס גייט באַלד פֿאַרבײַ דאָס לעבן.

**פורים**

געווען אַ מאָל א קיניג אַחשוורוש געגאַנט.
אַלע יידן האָט ער אונטער זײַן האַנט.
האָט אַ מאָל דעם קיניג דער ווײַן איבערגענומען.
באַפֿעלט זײַן קיניגין ושתּי פֿאַר אים נאַקעט קומען.
דער קיניגין איז אַזעלכס געווען ניט עבן.
האָט דער קיניג אין צאָרן א שאַרף באַפֿעל געגעבן
אַז מען זי האָט געבראַכט גלײַך אום איר לעבן.
די צײַט אַז זיך זײַן צאָרן האָט געשטילט איז פֿאַרפֿלאָסן.
דאָ האָט דער קיניג חרטה און האָט אים פֿאַרדראָסן.
ער וואָלט ווידער האָבן איין קיניגין גאַנץ שיין.
אײַנגעזאַמלט בתולות, געמוזט פֿאַר אים שטיין.
אסתּר האָט געפֿונען אין זײַנע אויגן חן.

געלויבט זײַ גאָט, מאַכט די נידעריקע הויך,
און די הויכע נידער טוט דריקן אויך.
דאָס געזאַנג אום פּורים,
ווען שוין מעגן זײַן שיכּורים.

האָט דערהויבן א מאַן, זײַן נאָמען המן.
ער איז געווען פֿון עמלק זײַן זאָמען.
אַלע זײַנען נאָכגעקומען
דעם באַפֿעל, יעדער מאַן צו אים בוקן
חוץ מרדכי ווײַל המן האָט א צלם אויף זײַן רוקן.
דאָ האָט זיך המן פֿאָרגענומען
אַלע יידן פֿון דער וועלט פֿאַרצוקן.
המן איז געקומען צום מלך צוגעלאָפֿן.
האָט געבאָטן ער זאָל אים די יידן פֿאַרקויפֿן.
דער מלך האָט אים די יידן געטאָן שענקען.
אומברענגען מיט שווערד אָדער וואַסער דערטרענקען.
איז ישׂראל געווען אין גרויסער צרה קאָן מען דענקען.

געלויבט זײַ גאָט, מאַכט די נידעריקע הויך,
און די הויכע נידער טוט דריקן אויך.
דאַס געזאַנג אום פּורים,
ווען שוין מעגן זײַן שיכּורים.

## שבת

יום שבת יום שבת ווי ביסטו געליבט. יום שבת מײַן האַרץ איז ניט באַטריבט.
מײַן זאָרג איך אויסשלאָג. איך מיך ווויל פֿאַרטראָג. און האָב ניט קיין קלאָג.
יום שבת. יום שבת.

גוט עסן גוט טרינקען וואָס גאָט טוט באַשערן. תּורה לערנען צו ערן דעם ליבן גאָט.
גוט ביר גוטן ווײַן זאָל מען אָנברייטן. גוט פלייש גוטע פֿיש מאַך פֿאַרטיק און ליכט צו ברענען הויך.
פֿיל פֿול ווײַן די לאָגלען און די פֿלעשער. שענק שענק אײַן, טרינק טרינק אויס,
דאָס איז גוט לעבן. דאָס איז גוט לעבן.
אָבער אין שול אַרײַן און אַרויס. און לערנען דערנעבן. שבת איז הייליק, אָן אים האָט גאָט די תּורה געגעבן.

יום שבת יום שבת ווי ביסטו געליבט. יום שבת מײַן האַרץ איז ניט באַטריבט.
מײַן זאָרג איך אויסשלאָג. איך מיך ווויל פֿאַרטראָג. און האָב ניט קיין קלאָג.
יום שבת. יום שבת.

יום שבת איז די הערלעכע כּלה געגאַנט. יום שבת איז די מלכּה פֿון גאַנצן לאַנד.
דערום זאַמלט אײַך אײַן אַלע געמיין, גרויס און קליין.
יום שבת איז הייליק צו גאָט. דערום פֿון אָנפֿאַנג ביז אויסגאַנג מיט געזאַנג, ביז אויסגאַנג מיט געזאַנג.
עס איז אונדז געדראַנג, אין גלות באַנג, אין גלות באַנג. צו דערלייזן איך פֿאַרלאַנג, דערלייזן איך פֿאַרלאַנג.

יום שבת יום שבת ווי ביסטו געליבט. יום שבת מײַן האַרץ איז ניט באַטריבט.
מײַן זאָרג איך אויסשלאָג. איך מיך ווויל פֿאַרטראָג. און האָב ניט קיין קלאָג.
יום שבת. יום שבת.

דער הייליקער שבת איז אַ שיינע רו.
דען עס קומט דעם מענטשן אַ נשמה־יתירה צו.
אַ צדיק טוט עס בײַ זיך שפּירן.
און מוצאי־שבת טוט זיך ווידער פֿאַרלירן.

יום שבת יום שבת ווי ביסטו געליבט. יום שבת מײַן האַרץ איז ניט באַטריבט.
מײַן זאָרג איך אויסשלאָג. איך מיך ווויל פֿאַרטראָג. און האָב ניט קיין קלאָג.
יום שבת. יום שבת. יום שבת. יום שבת.

**שבועות**

אינעם דריטן חודש אַז ישׂראל אויס מצרים זײַנען געגאַנגען, ווי זיך דער חודש האָט אָנגעפֿאַנגען,
זײַנען זיי געקומען אין דער וויסטעניַי, צו דעם באַרג סיני.
צו אַנטפֿאַנגען די תּורה, די תּורה איז די בעסטע סחורה. די תּורה איז די בעסטע סחורה.
האָט געלאָזט זאָגן דורך משה דער בורא דער יוצר, ווען ישׂראל וועלן האַלטן די תּורה זאָלן זיי צו מיר זײַן
איין אוצר.

אַלע די הימלען גאָט געעפֿנט האָט, און האָט ישׂראל געוויזן אַז איז ניט פֿאַראַן איין אַנדערער גאָט.
גאָט האָט די תּורה געגעבן אין דער וויסטעניַי, איין אָרט וואָס דאָ איז צו אַלע מענטשן פֿריַי.
אויך מיט שטים און דונער, די תּורה איז די בעסטע סחורה. די תּורה איז די בעסטע סחורה.
דאָס האָבן געהערט אַלע מענטשן און איז זיי געוועזן ווונדער.
איז אָבער קיינער געקומען און די תּורה גענומען: נײַערט ישׂראל באַזונדער.

אַלע הויכע בערג פֿון זייער אָרט אַז זיי זײַנען געפֿלאַנצט, האָבן געשפּרונגען און געטאַנצט.
ווײַל זיי זײַנען הויך האָבן זיך געטאָן פֿרייען, האָבן געמיינט אויף זיי וועט געבן די תּורה און גאָט זיך
דערמייען.
גאָט האָט געשפּראָכן פֿאַראַכט איז בײַ מיר די הויכקייט. איך ליב די נידער און דעמוטיקייט.
דערום אויף אײַער אָרט קומט ווידער, דער הר סיני איז נידער: אויף אים גיב איך די תּורה הײַנט.

די תּורה איז די בעסטע סחורה, די תּורה איז די בעסטע סחורה.

ווי דער דיבור איז געגאַנגען לויטער פֿײַער אויס גאָט זײַן מונד, זײַנען ישׂראל הינטער זיך געטרעטן ווי פֿיל
שטונד.
און אַ טייל מיט חלשות האָבן געהאַט נויט, אַ טייל פֿון פֿײַער זײַנען ליגן געבליבן טויט.
אַזוי האָבן די מלאָכים זיי אויף זייער שטאַנד געטאָן ריקן, און מיט בשׂמים אויס דעם גן־עדן זיי מאַכן
דערקוויקן, און טוי אויף זיי געבן, זײַנען ווידער געוואָרן לעבן.
ווען ישׂראל וואָלטן די תּורה ניט אַנטפֿאַנגען, וואָלט די וועלט אונטערגעגאַנגען.

די תּורה איז די בעסטע סחורה, די תּורה איז די בעסטע סחורה.

**חנוכה**

די יוונים האָבן זיך אין היכל געדרונגען. און האָבן געמאַכט אומריין דאָס אייל וואָס זיי האָבן געפֿונען.
דערנאָך האָבן די השמונאים זיי באַצוווּנגען.

אנטיוכס דער בייזער גאָט דער דערלייזער, גאָט דער דערלייזער אנטיוכס דער בייזער.

זײַנען אין בית־המיקדש אַרײַן געקומען. האָבן זיי ריין אייל צו דער מנורה צו ברענען ניט געפֿונען.
נײַערט אויף איינעם טאָג צו ברענען איין קריגל, דאָס איז געווען פֿאַרחתמנת מיט דעם כהן־גדול זײַן זיגל.

אנטיוכס דער בייזער גאָט דער דערלייזער, גאָט דער דערלייזער אנטיוכס דער בייזער.

דאָ האָט געגעבן גאָט דערינען גליק. דאָס האָט געברענט אַכט טעג אין איין שטיק.
דערום צינדן מיר אָן אַכט טעג און זאָגן הלל, אַז גאָט האָט אונדז ווידער גענומען אונטער זײַנע פֿליגל.

דו און פֿאַרשוינען די אין דײַן הויז זענען. מוזטו דאָך ליכט אָנצינדן און גאָטס וווּנדער צו דערקענען.
זעקס און דרײַסיק ליכט און שמשים אַכט. שטעק זיי ניט געדיכט און דעם שמש העכער אָנגעמאַכט.

אנטיוכס דער בייזער גאָט דער דערלייזער, גאָט דער דערלייזער אנטיוכס דער בייזער.

אנטיוכס דער בייזער גאָט דער דערלייזער, גאָט דער דערלייזער אנטיוכס דער בייזער.

**מלאך המוות**

אײַ מענטש אײַ מענטש וואָס געדענקסטו דיר אומגעריכט איז דער טויט הינטער דײַן טיר. דײַן געלט דײַן געלט און דײַנע הײַזער און גילדענע קייטן קענען דיר ניט העלפֿן אויס דײַנע נויטן ווען דער מלאך־המוות קומט און וויל דיך טייטן.

בײַ צײַט בײַ צײַט טו דיך באַזינען ווי מער דו טראַכטסט געלט צו געווינען ווי מער עבֿירות בײַ דיר זיך טוען שפּינען. גאָט טו דינען און נעם פֿאַר ליב מיט זאַלץ און ברויט. דען עס קאָן דיר קיינער העלפֿן אויס דײַן נויט. ווען דער מלאך־המוות קומט און וויל דיך טייטן.

ווען דיך דער מלאך־המוות וועט דערשרעקן וויי וויי בײַ דיר זיך וועט דערוועקן. ווען דו אים וועסט זען אין אַלע עקן שטיין דעם טויטשווייס מוזטו שוויצן. און קענען דיר ניט העלפֿן אַלע די בײַ דיר זיצן ווען דער מלאך־המוות קומט און וויל דיך טייטן.

זייער און זייער נעם דיך אין אַכט. גאָט צו דינען זײַ וויל באַדאַכט. דערווײַל דו נאָך האָסט קראַפֿט און מאַכט. געדענק אָן דער פֿינצטערער גרוב פֿון פֿיר איילן. און די פֿיל ווערעם די זײַנען ניט צו דערציילן ווען דער מלאך־המוות קומט און וויל דיך טייטן.

דער מענטש איז ניקס מער אַלס פֿלייש און בלוט, ביין און הויט. וויל דעם דער צו גאָט טרויט.

## פסח

פֿון יציאת־מצרים איך אײַך מעלד:

דערנאָך איז איין מלך געוואָרן דער האָט דאָס גוטס פֿון יוסף ניט דערקענט. נײַערט האָט געזען ישׂראל זײַנען געוואָרן אַזוי פֿיל באַהענט.
האָט ער זיי מיט ביטערע אַרבעט געטאָן באַשווערן, דערוואַרטן זיי זאָלן זיך ניט מערן.
אָבער גאָט האָט ניט געקאָנט צוזען דאָס שפּיל: וואָס מער געפּײַניקט וואָס מער געוואָרן פֿיל.
אַזוי אומצוברענגען אַלע די זין האָט ער אָן די הייבאַמען געגעבן אָרדער. אָבער זיי האָבן ניט געפֿאָלגט, זיי זײַנען ניט געווען מערדער.
דערנאָך האָט ער געלאָזט וואַרפֿן אַלע די זין אַרײַן אין וואַסער, דערוואַרטן עס זאָל ניט קומען אויף משיח משה דער מבֿשׂר.
האָט ער קינדער ישׂראל געטאָן אין מויערן. דאָס אַלץ האָט לאַנג געטאָן דויערן.
דערנאָך האָט ער זיך אַלע טאָג געבאָדן אין קינדער ישׂראל זייער בלוט. דערווײַל ער איז געווען מצורע האָט ער געמיינט עס איז אים גוט.
דען שרײַען צו גאָט האָבן ישׂראל געמערט. אַזוי האָט גאָט זייער שטים דערהערט.

דערום דערנאָך איז געוואָרן געשען גאָט אויף מצרים האָט געשיקט מכּות צען.
מכּות געגעבן מיט זײַן שטאַרקע האַנט. מער אַלס זיי האָבן געהאַט אין זייער לאַנד.
אויך דונער בליץ מיט האָגל פֿײַער, איז ניט איבערגעבליבן פֿון זיי ביז איינער.

די זיבעטע נאַכט פֿון פסח זײַנען זיי געקומען בײַ ישׂראל נאָענט דערבײַ. דאָ האָבן ישׂראל געטאָן גרויס געשריי.
האָט גאָט געשפּראָכן צו משה דײַן שטעקן אויף דאָס מער האַלטן. אַזוי וועט זיך דאָס מער שפּאַלטן.
און ישׂראל זאָלן רײַזן דורך דעם ים טרוקן. און פרעה מיט זײַן הער וויל איך דערטרענקען נאָכרוקן.
זײַנען זיי געגאַנגען זונדער זאָרגן. דריטן טייל פֿון דער נאַכט קעגן מאָרגן.
די קינדער די דאָ האָבן אין מוטערשויס געטאָן ליגן האָבן אויסגעשטרעקט העלדז און זיך אויפֿגעטאָן ביגן.
און די קינדער פֿון די בריסט האָבן אָפּגעלאָזן. ווי זיי האָבן גאָט געזען און זײַן ליכט גענאָסן.
געטײַטלט מיט פֿינגער אָרעמס אויס געטאָן דינען.האָבן געשפּראָכן דאָס איז מײַן גאָט איך וויל אים באַשינען.
און האָבן געזאָגט שירה אַלע מאַן און ווײַב. אויך די קינדער אין מוטערלײַב.

דערום דערנאָך איז געוואָרן געשען גאָט אויף מצרים האָט געשיקט מכּות צען.
מכּות געגעבן מיט זײַן שטאַרקע האַנט. מער אַלס זיי האָבן געהאַט אין זייער לאַנד.
אויך דונער בליץ מיט האָגל פֿײַער, איז ניט איבערגעבליבן פֿון זיי ביז איינער.

## סוכות

אַלס סוכּות גייט איַין טרעט אויס דיַין וווינונג אַרויס.

און וווין אין דער סוכּה גלייַך אַלס ווי אין דיַין הויז.

דערווייַל גאָט אונדז אין מידבר אין וואָלקנס האָט געטאָן טראָגן.
דערום טוט מען אום סוכּות זמן שׂמחתינו זאָגן.
זיַי מקיים מיצוות סוכּה רעכט בשׂימחה ובשׂשׂון.

דען ווערסטו זוכה זיַין לעולם־הבא אין די סוכּה די הויט פֿון לוויתן.

**Days of Awe**

**Rosh Hashanah / Yom Kippur**

Remember—life goes by quickly. Like a bird soaring overhead.
And like a leaf that soon withers, and like a shard that is soon broken. (1)

And today on *Rosh ha-Shanah* everything is inscribed, and sealed on *Yom Kippur*, as it shall remain.
Whether a person this year will live or die, or be rich or depraved.

Remember—life goes by quickly. Like a bird soaring overhead.
And like a leaf that soon withers, and like a shard that is soon broken.

Whether one will die a shameful and bizarre death, or suffer afflictions and great hardship.
But *tshuve*, *tefile*, *tsedoke* [repentance, prayer, charity] cancel all of one's sins and tear up harsh decrees.

Remember—life goes by quickly. Like a bird soaring overhead.
And like a leaf that soon withers, and like a shard that is soon broken.

That is why on *Yom Kippur* we cry and scream. Our sins themselves urge us strongly.
We don a *kittel* to bring death to mind. (2) That the human is not certain for even a moment, and so performing *tshuve* is your greatest need. That you will receive a good seal, *tshuve* is your greatest need, that you will receive a good seal.

Remember—life goes by quickly.

## Purim

There once was a king called Akheshveyresh.
All the Jews were under his hand.
One time the king was overcome with wine,
He ordered his queen Vashti to appear before him naked. (1)
The queen was non-compliant.
The king in fury gave a swift-sharp order
So, she was immediately executed.
With time's passing his anger stilled.
Now the king was regretful and very annoyed.
He would again have a beautiful queen.
Assembled all the maidens to stand before him.
Only Esther found favour in his eyes.

Praised be God who makes the low high and the high low. (2)
This song to be sung on Purim when one may be drunk. (3)

Promoted a man; his name was Homen.
He was of Amalek's seed.
All paid heed
To the command that every man should bow to him.
Aside from Mordechai, for Homen had a crucifix on his back. (4)
Whereupon Haman resolved
To annihilate the Jews from the world.
Homen came running to the king.
Made him an offer to sell him the Jews.
The king gifted him the Jews.
To kill them with sword or by drowning in water.
So, Israel was in deep trouble one can well imagine.

Praised be God who makes the low high and the high low.
This song to be sung on Purim when one may be drunk.

**Shabbes**

*Shabbes*, *Shabbes*, how much you are loved?! *Shabbes*, *Shabbes*, my heart is not troubled.
I knock out my worries. I bear happiness. I have no woe.
*Shabbes*, *Shabbes*.

Good food, good drink—what God lavishes. And learning Torah to honour the beloved God.
Good beer, good wine one should prepare. Good meat, good fish, get ready in time. And candles to burn bright.
Fill the barrels and also bottles with wine. Pour generously, drink up! This is the good life! This is the good life!
But go to shul. And then out. And learn Torah too. *Shabbes* is holy.
On *Shabbes*, God gave the Torah. (1)

*Shabbes*, *Shabbes*, how much you are loved?! *Shabbes*, *Shabbes*, my heart is not troubled.
I knock out my worries. I bear happiness. I have no woe.
*Shabbes*, *Shabbes*.

*Shabbes* is called the splendid bride. *Shabbes* is the queen of the entire land. (2)
So gather together, one and all, big and small.
*Shabbes* is holy to God. So, from beginning to end adorn her with song, to the end with song.
The sorrow of exile presses us, the sorrow of exile. I long for liberation. I long for redemption.

*Shabbes*, *Shabbes*, how much you are loved?! *Shabbes*, *Shabbes*, my heart is not troubled.
I knock out my worries. I bear happiness. I have no woe.
*Shabbes*, *Shabbes*.

The holy *Shabbes* is a beautiful tranquil repose.
For then an additional soul is added to a person. (3)
A *tsaddiq* can perceive it.
And when *Shabbes* departs, loses it in turn.

*Shabbes*, *Shabbes*, how much you are loved?! *Shabbes*, *Shabbes*, my heart is not troubled.
I knock out my worries. I bear happiness. I have no woe.
*Shabbes*, *Shabbes*. *Shabbes*. *Shabbes*.

## Shevues

In the third month after Israel departed from Egypt, when the month just began,
They came to the desert, to the mountain Sinai. (1)
To receive the Torah; the Torah is the best merchandise. The Torah is the best merchandise. (2)
Through Moses said the Creator-Former, if Israel will observe the Torah then they'll be
My treasure. (3)

God opened all the heavens, and showed Israel that there is no other god. (4)
God gave the Torah in the desert, a place which is free and open to all humankind. (5)
With both voice and thunder. (6)
The Torah is the best merchandise. The Torah is the best merchandise.
All humankind heard and it was for them a wonder.
But no one came and received the Torah: except for Israel alone. (7)

All the high mountains from their places where they were planted, jumped up and danced.
Because they were tall they did rejoice, they thought that upon them God would give the Torah and delight.
God spoke: I disdain height. I love the lowly and humility.
Therefore, return to your places. Mount Sinai is small: on it I will give the Torah today. (8)

The Torah is the best merchandise. The Torah is the best merchandise.

As the command of pure fire came out of God's mouth, Israel ran back [a distance of] many hours.
Some were overcome with fainting and duress, some from the fire remained lying dead.
So, the angels brought them back to their feet, and with fragrances from the garden of Eden revived them, and with dew bestowed upon them, they came back to life. (9)
Had Israel not accepted the Torah, the world would have gone under. (10)

The Torah is the best merchandise. The Torah is the best merchandise.

**Hanukkah**

The Greeks gathered in the sanctuary and contaminated the oil that they found.
Thereafter the Hasmoneans defeated them. (1)

Antiochus the wicked, God the redeemer, God the redeemer, Antiochus the wicked.

They entered within the Temple; they didn't find pure oil for the menorah to burn.
Only one jar, enough to burn for one day, which was sealed with the high priest's seal.

Antiochus the wicked, God the redeemer, God the redeemer, Antiochus the wicked.

Herein God gave happiness/fortune. It burned for eight days in one go.
So, we kindle for eight days and recite *Hallel*, because God once more took us under His wing. (2)

You and the people who are in your house must kindle the lights and grasp God's wonder.
Thirty-six candles and *shameses* eight. Don't set them too close and the *shames* set higher. (3)

Antiochus the wicked, God the redeemer, God the redeemer, Antiochus the wicked.

Antiochus the wicked, God the redeemer, God the redeemer, Antiochus the wicked.

## The Angel of Death

O mortal, O mortal, what do you ponder?! Death is unexpected behind your door. Your money, o your money and your houses and your golden chains cannot help you escape your inevitable doom when the angel of death comes seeking to kill you.

While there's still time, while there's still time contemplate and reconsider: the more money you think of acquiring, the more sins you spin. Worship God and make do with salt and bread. For no one can help you out of your inevitable doom when the angel of death comes seeking to kill you.

When the angel of death will terrify you, woe and anguish will stir within you. When you'll see him standing on every corner, you will surely perspire the death-sweat. And all those sitting around you won't be able to help you when the angel of death comes seeking to kill you.

Earnestly, urgently pay heed, be especially sagacious to worship God while you still have strength and might. Ponder the dark pit of four cubits and the innumerable worms that cannot be counted when the angel of death comes seeking to kill you.

The human being is nothing more than flesh and blood, bone and skin. Happy is the one who trusts in God. (1)

**Peysakh**

About the exodus from Egypt I’m gonna inform you: (1)

Sometime after a king arose who didn’t know of the goodness of Joseph. Nope, he only saw how Israel became many and more to hand.
So, he encumbered them with bitter work, expecting they wouldn’t multiply.
But God couldn’t watch this game: the more he [the king] afflicted them, the more they multiplied.
And so, he ordered the midwives to kill all the sons. But they did not obey; they were not murderers.
Thereafter he had all the sons thrown into the water, expecting that Moses the proclaimer would not arise. (2)
He also had Israelite children placed in bricks. (3) All of this lasted a long, long time.
Afterwards he would bathe daily in Jewish children’s blood. Because he was a leper he thought it would do him good. (4)
Then Israel increased their cries to God; and thus God heard their voice.

Therefore, and thereupon, it transpired: God sent upon Egypt the plagues ten.
Plagues dispatched with His mighty hand. Beyond anything they’d ever experienced in their land.
And also thunder-lightning with hail-fire; not one of them survived.

The seventh night of Pesaḥ, they [the Egyptians] drew close to the Israelites nearby. Here the Jews let out a great scream and cry. (5)
God to Moses: Raise your rod over the sea; thus the sea will split.
And the Israelites shall travel dry through the sea. And pharaoh and his men I will drown, I’ll do away with them.
So, they journeyed on without any worries. This was in the third watch of the night, towards morning
The children who were lying in their mother’s lap stretched out their necks and tilted and inclined them. (6)
And the children on the breasts detached, unlatched, when they saw God and delighted in His light.
Pointed with their fingers and with arms out worshipped. And said this is my God, I will beautify Him. (7)
Every man and woman took up song; even the children still within the womb. (8)

Therefore, and thereupon, it transpired: God sent upon Egypt the plagues ten.
Plagues dispatched with His mighty hand. Beyond anything they’d ever experienced in their land.
And also thunder-lightning with hail-fire; not one of them survived.

**Sukkes**

When *Sukkot* arrives, take your dwelling outside.
And live in the *sukkah* just as you live in your house. (1)
Because God carried us in clouds in the desert. (2)
Therefore, on *Sukkot* say “time of our rejoicing”. (3)
Fulfil the mitzvahs of *Sukkot* correctly, with happiness and joy.
Then in the world to come you will be worthy of the *sukkah* made of Leviathan’s skin. (4)

## Annotations

### Rosh ha-Shanah / Yom Kippur

(1) The words and motifs derive from the famous *U-ntane toqef* prayer, recited during *musaf* on Rosh ha-Shanah and Yom Kippur.

(2) *Kittel*, a white robe of linen or cotton. See *Shulkhan Arukh*, *Oraḥ Hayyim* 610:4: "There are those who wrote that it is customary to dress in clean, white clothes on Yom Kippur, analogous to the ministering angels, and likewise it is customary to wear a *kittel* which is white and clean, and it is also the clothing of the dead [the burial shroud], and therefore the heart of a man is humbled and broken."

### Purim

(1) That Vashti was ordered to appear naked is not stated in the Scroll of Esther, but rather in rabbinic commentary. See BT *Megillah* 12b: "At the feast of that wicked man [Ahasuerus], some said: The Median women are the most beautiful, while others said: The Persian women are the most beautiful. Ahasuerus said to them: The vessel that I use is neither Median nor Persian, but Chaldean. Do you wish to see her? They said to him: Yes, provided that she be naked." See also *Esther Rabbah* 3:14.

(2) The carnivalesque switch lies at the heart of the Purim story and the festivities that mark it. See for example Esther 9:2: "On the thirteenth day of the twelfth month, the month of Adar, the edict commanded by the king was to be carried out. On this day the enemies of the Jews had hoped to overpower them, but now the tables were turned and the Jews got the upper hand over those who hated them."

(3) See BT *Megillah* 7b: "Rava said: A person is obligated to become intoxicated on Purim until he does not know the difference between cursed is Haman and blessed is Mordecai." See Maimonides, *Hilkhot Megillah* 2:15: "And he should drink wine until he becomes intoxicated and falls asleep from his intoxication."

(4) Similarly, Haman's crucifix is not mentioned in the Scroll of Esther. Rabbinic commentary refers to an idolatrous image, *tselem* in Hebrew, though in Yiddish *tseylem* means cross. See *Esther Rabbah* 7:5: "The king commanded that they should bow and prostrate themselves to him [Haman]. What did Haman do? He crafted for himself an embroidered image on his garment and on his heart, and anyone who would prostrate himself to Haman would prostrate himself to the image." See also *Pirqei de-Rabbi Eli'ezer* 50; BT *Megillah* 10b, 19a.

### Shabbes

(1) This is not stated in the biblical account, but rather in rabbinic tradition. See BT *Shabbat* 86b.

(2) The motif of Sabbath as bride and queen is most famously attested in the final line of the Friday night Sabbath hymn, *Lekha Dodi*: "Enter O bride! Enter Queen Sabbath!" The imagery, however, goes back to the Talmud. See BT *Shabbat* 119a: "Rabbi Hanina would wrap himself in his garment and stand at nightfall on Sabbath eve, and say: Come and we will go out to greet Sabbath the queen. Rabbi Yannai put on his garment on Sabbath eve and said: Enter, O bride. Enter, O bride."

(3) The image of an additional soul derives from BT *Beitsah* 16a, in the name of Rabbi Shim'on son of Lakish: "On Sabbath eve the blessed Holy One imparts an additional soul to a human being. When Sabbath departs it is taken from him, as is said: שבת וינפש (*shavat va-yinnafash*), *He ceased and was refreshed* (Exodus 31:17)—once *shavat*, *it* [the Sabbath] *has ceased*, ווי אבדה נפש (*vai avedah nefesh*), 'Woe, the soul is lost!'"

**Shevues**

(1) See Exodus 19:1: "On the first day of the third month after the Israelites left Egypt—on that very day—they came to the Desert of Sinai."

(2) The original line in Yiddish reads "To receive the Torah which is better than any merchandise," and is one of the oldest appearances of the famous Yiddish rhyme, Toyre/skhoyre, Torah/merchandise. We have modified the line to include the famous Yiddish proverb "The Torah is the best merchandise" as a refrain.

See the opening line of Y.L Peretz's story "Mekubolim": "In difficult times, even the value of Torah—the best merchandise—falls." The Yiddish proverb derives ultimately from *Tanḥuma*, *Terumah* 2 and *Derekh Eretz* 2:7.

(3) See Exodus 19:5: "Now if you will heed My voice and keep my covenant, then out of all nations you will be my treasured possession."

(4) See Rashi on Deuteronomy 4:35: "When the blessed Holy One gave the Torah, He tore open for them the seven heavens, and just as He tore open the higher regions so did He tear open the lower, so that they saw that He was alone. On this account it is stated: *You have been shown to know that YHVH is God, there is none beside Him*."

(5) See *Bamidbar Rabbah* 1:7: "And why was the Torah given through these three things [fire, water and wilderness]? Just as these are free to all the inhabitants of the world, so too are the words of Torah free to them…. Another explanation…. Anyone who does not make themselves ownerless like the wilderness cannot acquire the wisdom and the Torah." See also *Mekhilta de-Rabbi Yishma'el*, *Baẖodesh* 2.

(6) According to Exodus 19:19 God spoke "Ba-qol" which can mean voice and thunder.

(7) See *Sifrei Devarim* 343: "When the omnipresent appeared to give Torah to Israel, it is not to Israel alone that He appeared, but to all of the nations. First, He went to the children of Esau, and He asked them: Will you accept the Torah?... He then went to the children of Ammon and Moav and asked them: Will you accept the Torah?... He then went and found the children of Yishmael and asked them: Will you accept the Torah?.... There was none among all of the nations to whom He did not go and speak and knock at their door, asking if they would accept the Torah…."

(8) *Midrash Tehillim* 68:9: "Rabbi Natan said: When the blessed Holy One wanted to give the Torah to Israel, Carmel came from Aspamia and Tavor from Beit Eilim… This one said… It would be fitting for the *Shekhinah* to rest upon me, for I am higher than all the other mountains, and the waters of the flood did not come down on me. And this one said… It would be fitting for the *Shekhinah* to rest upon me, because I was placed in the middle, and they crossed the sea over me. The blessed Holy One said: You have already been disqualified before Me because of your haughtiness! You are all disqualified before Me… All of the mountains began to thunder and to collapse…. The blessed Holy One said… I desire nothing but Sinai, which is lower than all of you, as is said*: I dwell in the high and holy place, with him also that is of a contrite and humble spirit* (Isaiah 57:15). And it is written: *For though YHVH be high, yet he regards the lowly* (Psalms 138:6)."

(9) See BT *Shabbat* 88b: "And Rabbi Yehoshua ben Levi said: From each and every utterance that emerged from the mouth of the blessed Holy One the souls of the Israelites left their bodies, as is said: *My soul departed when he spoke* (Song of Songs 5:6). And since their souls left from the first utterance, how did they receive the second utterance? Well, He rained the dew upon them that, in the future, will revive the dead, and He revived them, as is said: *You, God, poured down a bountiful rain; when Your inheritance was weary You sustained it* (Psalms 68:10). And Rabbi Yehoshua ben Levi said: With each and every utterance that emerged from the mouth of the blessed Holy One, the Israelites retreated twelve miles, and the ministering angels walked them back, as is said: *The hosts of angels yidodun, will scatter* (Psalms 68:13). Do not read *yidodun*, scattered; rather, read it as *yedadun*, they walked them."

(10) See BT *Shabbat* 88a: "Resh Lakish said: What is the meaning of that which is written: *And there was evening and there was morning, the sixth day* (Genesis 1:31)? Why do I require the superfluous letter *heh* [the

definite article, which does not appear on any of the other days]? It teaches that the blessed Holy One established a condition with the act of Creation, and said to them: If Israel accepts the Torah [on the sixth day of Sivan], you will exist; and if not, I will return you to chaos and disorder.”

**Hannukah**

(1) The text is a Yiddish paraphrase of the classical rabbinic account of *Hanukkah* found in BT *Shabbat* 21b: “What is Hanukkah? The Sages taught: On the twenty-fifth of Kislev, the days of Hanukkah are eight. One may not eulogize on them and one may not fast on them. When the Greeks entered the Sanctuary, they defiled all the oils that were in the Sanctuary. And when the Hasmonean monarchy overcame them and emerged victorious over them, they searched and found only one cruse of oil that was placed with the seal of the High Priest. And there was sufficient oil there to light for only one day. A miracle occurred and they lit the candelabrum from it eight days. The next year the Sages instituted those days and made them holidays with recitation of *hallel* and special thanksgiving in prayer and blessings.” See also *Megillat Ta’anit*.

(2) *Hallel*, literally “praise” is a collection of six psalms (nos. 113-118) recited on certain festivals, including all eight days of *Hannukah*. See BT *Arakhin* 10b; *Shulkhan Arukh*, *Oraḥ H̱ayyim* 683:1.

(3) On ensuring adequate space between the individual lights see *Shulkhan Arukh*, *Oraẖ H̱ayyim* 671:4.
The *shames*, or in Hebrew the *shamash*, literally, “helper/servant” is the candle that lights the other candles. It is customarily offset or higher than the eight candles commemorating the miracle of eight days. See BT *Shabbat* 21b; *Shulkhan Arukh*, *Oraẖ H̱ayyim* 671:5.

**The Angel of Death**

(1) The literary trope of *Memento Mori* (Latin, “remember that you die”) is found in diverse Jewish texts from antiquity through modernity.

See Ecclesiastes 7:2: “It is better to go to a house of mourning than to go to a house of feasting, for death is the destiny of everyone; the living should take this to heart.”

See BT *Shabbat* 153a: “Rabbi Eli’ezer says: Repent one day before your death. Rabbi Eli’ezer’s students asked him: But does a person know the day on which he will die? He said to them: All the more so! One should repent today lest he die tomorrow; and thus, one will spend one’s entire life in a state of repentance. King Solomon also said in his wisdom: *At all times your clothes should be white, and oil shall not be absent from upon your head* (Ecclesiastes 9:8).”

See *Zohar* 1:201b-202a: “Woe to people who do not know or contemplate the ways of Torah! Woe to them when the blessed Holy One comes to demand justice for their deeds, and body and soul rise to render account for all their deeds, before soul separates from body. For that day is the Day of Judgment, the day when books are opened and masters of judgment stand, when the serpent is poised to bite, and all one’s limbs tremble. Soul separates from body, roaming about, not knowing which way to go or where she is being carried off. Woe for that day, a day of wrath and humiliation! Therefore, one should incite his impulse every day and bring to mind that day when he will stand in judgment before the King and be embedded beneath the dust to rot away, soul separating from him.”

The trope is also central in Elkhonen Kirkhhan’s father-in-law’s work. See *Qav ha-Yashar* 39: “Therefore, it behoves a person to recall how many ordeals he will go through, how many afflictions he will be suffer and how much trembling, shuddering, shaking, sweating and shivering he will experience before his soul comes to its place of rest.”

On the Angel of Death, see BT *Avodah Zarah* 20b: “They said about the Angel of Death that he is entirely full of eyes. When a sick person is about to die, he stands above his head with his sword drawn in his hand, and a drop of poison hanging on the edge of the sword. Once the sick person sees him, he trembles and opens his mouth; and the Angel of Death throws it into his mouth. From this he dies, from this he putrefies, from it his face turns green.”

**Peysakh**

(1) The account follows the narrative in the book of Exodus with some midrashic additions.

(2) See *Pirqei de-Rabbi Eli'ezer* 48: "Whilst yet Moses was not born, the magicians said to Pharaoh: In the future a child will be born, and he will take Israel out of Egypt. Pharaoh thought, and said: Cast all the male children into the river, and he will be thrown in with them, and thereby the word [of the magicians] will be frustrated; therefore, they cast all the male children into the river." See also BT *Sotah* 12b: "[Pharaoh's astrologers] saw that the savior of the Jewish people would be stricken by water. They arose and decreed: *Every son that is born you shall cast into the river* (Exodus 1:22). Once [Jochebed] cast Moses [into the water] they said: We no longer see that sign. They cancelled their decree. But they did not know Moses would be stricken on account of the waters of Meribah."

(3) See *Siftei Hakhamim*, Exodus 32:4 on Rashi ad loc.: "When the Israelites were in Egypt, building Pithom and Ramses, and they failed to complete the amount of work they were told to do, the Egyptians came and took their children, put them into the wall being built, and placed stones around them and on them—thereby completing the amount of work." See Rashi s.v. *nitmakhmekh*, BT *Sanhedrin* 101b; cf. *Pirqei de-Rabbi Eli'ezer* 48.

(4) According to *Shemot Rabbah* 1:34, Pharaoh suffered from leprosy and his magicians advised him to bathe twice daily in the blood of 150 Israelite children.

(5) According to tradition, the miracle of the sea took place on the seventh day of Passover. See *Seder Olam Rabbah* 5; Rashi on Exodus 14:5. See also BT *Megillah* 31a.

(6) See BT *Sotah* 30b: "The Sages taught that Rabbi Yose HaGelili expounded: When Israel ascended from the sea they resolved to sing. And how did they recite song? If a baby was lying on his mother's lap or an infant was nursing from his mother's breasts, once they saw the *Shekhinah*, the baby straightened his neck and the infant dropped the breast from his mouth, and they recited: *This is my God and I will beautify Him* (Exodus 15:2)."

(7) See BT *Sotah* 11b: And when the blessed Holy One revealed Himself at the Sea [the children] recognized Him first, as is said: *This is my God, and I will beautify Him* (Exodus 15:2)**."** The motif of pointing with the finger derives from *Shir ha-Shirim Rabbah* on Song of Songs 2:14: "for the Israelites were pointing with their finger, saying: *This is my God and I will glorify Him*." See also Rashi on Exodus 15:2.

(8) According to Rabbi Meir in BT *Sotah* 30b-31a "even foetuses in their mother's womb recited the song." According to Rabbi Tanḥum, their mothers' wombs transformed into luminous crystal enabling them to see.

**Sukkes**

(1) M. *Sukkah* 2:9: "All seven days of *Sukkot*, a person renders his *sukkah* his permanent residence and his house his temporary residence." See BT *Sukkah* 28b.

(2) The motif of being carried in clouds is not found in the Torah. It derives from rabbinic exegesis to Leviticus 23:41-43: "You shall reside in *sukkot* (booths) for seven days, all citizens in Israel shall reside in *sukkot*; in order that future generations may know that I made the children of Israel reside in booths when I brought them out of the Land of Egypt. I am YHVH your God." See BT *Sukkah* 11b: "*I made the children of Israel reside in sukkot*: they were were clouds of glory, this is the statement of Rabbi Eli'ezer. Rabbi Akiva says: They established for themselves actual *sukkot*/booths." See also *Mekhilta*, *Beshallaḥ* 1: "There were seven clouds: Four of them to each side, one was above them and another below their feet. A further cloud would pass in front of them levelling the valleys and flattening the mountains."

(3) During the *Amidah* prayer recited on *Sukkot*, the blessing pertaining to the holiness of the day describes the festival as "zman simhatenu / time of our rejoicing" based on Leviticus 23:40 and Deuteronomy 16:14.

(4) See BT *Bava Batra* 75b: “Rabbah says that Rabbi Yoh̲anan says, “In the future the blessed Holy One will prepare a *sukkah* for the righteous from the skin of Leviathan, as is said: *Can you fill his skin be-sukkot, with barbed irons?* (Job 40:31)”. In rabbinic mythology, the slaying of Leviathan signifies the eschatological vanquishing of evil. Upon leaving the *sukkah* for the final time, one recites a prayer expressing the hope that one will dwell in the Leviathan skin *sukkah*.